בעזהשי"ת

גליון

# לא יסור שבט מיהודה

## תולדות וקורות דברי ימי רבוה"ק מסטרעטין זללה"ה

מתוך ספר התולדות "לא יסור שבט מיהודה - סטרעטין" הנמצא בשלבי העריכה שיצא לאור אי"ה ברוב פאר והדר בעתו ובזמנו בעזהשי"ת

**גליון צ"ט - שנה ב' – פרשת כי תבוא – פרקי אבות פרק ג'-ד' – שבת סליחות – שנת תשע"ט לפ"ק**

**זמנים לש"ק פרשת כי תבוא: הדלק"נ: 6:39 עלות השחר: 5:31 נץ החמה: 6:44 סו"ז קר"ש: 9:46\9:10 חצות: 12:49 שקיעה: 6:55 זמן ר"ת: 8:08**

**הזמנים הם לפי אופק לעיקוואד יצ"ו**

# אמרות טהורות

**תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה. הרה"ק ר' העניך מאלכסנדר זי"ע** אמר כל התוכחה הוא מונח תחת האיש אשר לא עבד בשמחה. כי אם הי' בשמחה אין עליו התוכחה. והבן.

*שיח שרפי קודש.*

**יפתח ה' לך את אוצרו הטוב את השמים.** הכלל יבואר על פי מאמר חכמינו ז"ל (ב"ב עה ע"ב) עתידים מלאכי השרת לומר לפני הצדיקים קדוש, ונמצא הצדיקים זוכים יותר משמים. וזהו יפתח ה' לך את אוצרו הטוב את השמים, כלומר זה הטוב אשר אצל השמים הוא אוצר, כלומר סגור וסתום זה יפתח לך הקדוש ברוך הוא שאתה יהיה לך מדריגה גדולה יותר מן השמים.

*קדושת לוי.*

**ואומרו וראו כל עמי הארץ וגו'** גם זה הוא מכוון כנגד שמירת מצות לא תעשה, כי כל זמן שהאדם שומר עצמו מהעבירות אין צלם אלהים עובר מעל פניו, וכל הנבראים אדם ובהמה מזדעזעים ממנו, מה שאין כן המתעב מעשיו מעבירים ממנו הצלם, וכמאמר קין (בראשית ד יד) והיה כל מוצאי וגו'.

*אור החיים הקדוש.*

# ענייני מנהג והלכה

## ענייני הדלקת הנרות לשבת – ל"ב

**אם ניכר הדבר שהדלקה הוא לכבודו של שבת קודש:** דהיינו, אם אדם מדליק מנורה במקום אחד ואח"כ לוקחו ומניחו במקום המיוחד לכך לכבוד שבת קודש, או אם הניחו במקום אחד לזמן מה ורק אח"כ הוא מעבירו למקומו הנכון אז רשאי לטלטלו ממקום למקום ואין כאן החשש המבואר לעיל – שאין להזיזו ממקום למקום.

מקורו של דבר הובא **במגן אברהם** שכותב אודות ציור של מי שלקח המנורה של נרות והניחו במנורה שנמצא במקום גבוה ששם ניכר שהוא לכבודו של שבת קודש כיון שהמנורה הגבוה ניכר שהוא לכבוד שבת ויש לזה היכר.לכן שרי להזיזו ממקום למקום.

עוד מביא **המגן אברהם** שאם הדליק נרות במקום אחד ועמד שם לשעה מועטת רשאי אח"כ להניחו במקום אחר.

**מעשה רב בענין זה:** אצל **מרן מהר"א מבעלזא זיע"א** שכאשר היה מרן מדליק את הנרות שבת בעצמו היה מדליקן במרום האכילה, הגבאים הכינו הנרות במקום שישב בעריכת השלחן ושם הדליק הנרות ואח"כ העבירו המשמשים את הנרות למקומם הקבוע בקצה השני של השלחן ומרן עמד דעל מקומו והביט על הנרות כל הזמן עד שהגיעו הנרות אל מקומם הנכון.

*בגליון הבא נמשיך עם עוד עניינים של ענייני הדלקת הנרות לשבת קודש.*

---

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים**

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה להדרת

**כ"ק מרן אדמו"ר מקאסאן שליט"א**

על ישראל הדרתו בעיר לעיקוואד יצ"ו

לרגל שמחת אירוסי הנכד החתן המופלג חיים שלמה שיחי'

**בן בנו הרב פנחס שלום שליט"א**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**

יזכו המחותנים לראות הרבה נחת דקדושה מהזיווג ומכל יוצ"ח ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, לבנין עדי עד ולקשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים בדרך ישראל סבא הסלולה לתפארת המשפחות המפוארות למעלה בקודש, שפע ברכה והצלחה, שמחה וכטו"ס אכי"ר.*המערכת*

---

**כוס תנחומין**

**לכבוד ידידנו הנכבד בנש"ק וטהורים**

**מגזע אראלים ותרשישים**

**הרב יוסף מאיר געלמאן שליט"א**

**נכד רביה"ק רבי חיים משולם פייביש מסטרעטין זללה"ה**

ולכל המשפחה הנכבדה [זוגתו, כלתו, בניו בנותיו ונכדיו שיחיו]

היושב שבעה בהילקח ממנו בנו \אחיהם \ אביהם יקירם

**מוה"ר ר' ישראל געלמאן זצ"ל**

**בן יבלחט"א הרב יוסף מאיר שיחי'**

שהלך לעולמו בט"ז אלול דהאי שעתא

יה"ר שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולם ומהיום והלאה נשמע רק בשורות טובות ישועות ונחמות. אבי היתומים ודיין האלמנות ירפא את שברם ויתן להם כח והיזוק להתחזק הלאה בתוך כלל ישראל אמן. *המערכת*

---

**גליון השבוע**

**נתנדב ע"י ידידינו הנכבד, רודף צדקה וחסד,**

**מתומכי הגליון תמידין כסדרן**

**מוה"ר רבי יעקב עזריאל דעלמאן שיחי'**

**לרגל השמחה שבמעונו**

**שמחת נישואי בתו הכלה החשובה שתחי'**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**

יזכו המחותנים לראות הרבה נחת דקדושה מהזיווג ומכל יוצ"ח ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, לבנין עדי עד ולקשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים, שפע ברכה והצלחה, שמחה וכטו"ס אכי"ר.

*המערכת*

---

**ברכת מזלא טוב חמה ולבבית לכבוד האי גברא רבא**

**הרה"ח ר' אלעזר אלי' מאשקאוויטש שליט"א**

**מנהל רוחני בישיבה מסורת אבות – ליקוואד יצ"ו**

**לרגל השמחה שבמעונו שמחת נישואי בנו**

**החתן שיחי' בשטו"מ ולמזל טוב!**

יזכו המחותנים לראות הרבה נחת דקדושה מהזיווג ומכל יוצ"ח ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, לבנין עדי עד ולקשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים, שפע ברכה והצלחה, שמחה וכטו"ס אכי"ר

*המערכת*

---

**גליון השבוע**

**נתנדב ע"י ידידינו הנכבד**

**רבי חיים ישראל דוב זינגער שיחי'**

**לזכר ולעילוי נשמת זקינו**

**הרב ישראל דוב זינגער זצ"ל**

**בן הרב חיים יצחק משולם זושא זינגער זצ"ל**

**נפטר ביום כ"א אלול שנת תשמ"ב לפ"ק ת.נ.צ.ב.ה.**

---

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית לכבוד ידידנו הנכבד כש"ת**

**הרה"צ רבי משה פאנעט מדעעש שליט"א**

**מלמד כתה ז' בישיבה מסורת אבות – לעיקוואד יצ"ו**

**לרגל השמחה שבמעונו**

**שמחת לידת הנכד שיחי'**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**

יזכו ההורים לגדלו ולחנכו לתורה חופה ולמעשים טובים ולראות הרבה נחת דקדושה ממנה ומכל יוצ"ח לתפארת המשפחות החשובים שיחי' מתוך הרחבת הדעת וישוב הדעת, שפע ברכה והצלחה וכטו"ס אכי"ר. *המערכת*

---

הגליון יוצא לאור ע"י מכון מאמר משה – סטרעטין שנתייסדה לשמו ולזכרו הקוה"ט של כ"ק מרן רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה

לכל עניני הגליון, להערות והארות וכן להשיג הגליון ע"י אי-מעיל ניתן להתקשר להכתובת של: degelmacheneyehuda@gmail.com

**אין קורצן פון פאריגע וואך:** מיר האבן אין די פאריגע גליון דערציילט ווי אזוי דער סטעפאן – דער שטייער באאמטער פונעם קעניג וויל חתונה האבן מיט א גרושה אבער ער איז א כהן. וויפיהל דער רמ"א האט איהם מסביר איבער דעם חומר הענין האט ער נישט געוואלט הערן דערפון, דערנאך האט דער רמ"א פראבירט צו רעדן מיט די צד פון די פרוי אבער זיי האבן אויך נישט געוואלט הערן דערפון. האט סטעפאן געגאנגען צום קעניג און ער האט אהנגעקלאגט דער רמ"א און ער האט דערציילט איבער אלעס וואס קומט פאר צווישען איהם מיט די רמ"א. דער קעניג האט איהם צוגעזאגט אז ער זאל זיך נישט זארגן און דער רמ"א וועט נישט האבן קיין ברירה נאר צו פאלגן דער קעניג און ער וועט יא מסדר זיין זייער חתונה. **יעצט ביטע לייענט ווייטער:**

## דער רמ"א ווערט איינגעלאדענט צום קעניג'ס פאלאץ:

א פאר טעג שפעטער ווען דער הייליגע רמ"א זיצט ביי זיך אינדערהיים און איז עוסק בתורה האט מען געקענט הערן ווי עס פארט אריין אינעם אידישען געטא א פערד און וואגען, דער פערד און וואגען איז געוועהן א קעניג'ליכע פערד און וואגען און די קראקא'ווער איינוואוינער האבן זיך געוואונדערט צו ווי פארט דער וואגען? ביז זיי האבן געזעהן ווי עס שטעלט זיך אפ ביים שטוב פונעם הייליגע רמ"א.

דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט וואס האט דער קעניג צו טוהן מיט זייער באליבטע רב. א פאר מינוט שפעטער זעהן זיי ווי די סאלדאטן קלאפן אויפ'ן רמ"א'ס טיהר, אפאר מינוט שפעטער זעהט מען ווי דער רמ"א קומט ארויס מיט זיי און ער גייט אריין מיט זיי אין די וואגען. דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט וואס גייט דא פאר. אין אמת'ן איז דער רמ"א סך הכל געקומען צום קעניג'ס פאלאץ אויפ'ן איינלאדענונג פונעם קעניג. דער קעניג האט נישט געמאלדן פארוואס ער שיקט איהם רופען. ווען דער רמ"א איז אריין אינעם קעניג'ס פאלאץ האט מען איהם געוויזען צו ווארטן ביים פאדערשטע צימער פאר דער קעניג'ס גרויסע צימער, צו זיין וואונדער זעהט ער אז דער הויפט בישאף געפינט זיך אויכעט דארטן. צו וואס – באוואונדערט זיך די רמ"א – האט מען מיך דא גערופען.

פלוצלונג קומט ארויס א באדינער און זאגט סיי פאר'ן רמ"א און סיי פאר'ן בישאף אז זיי זענען יעצט פארבעטן צו מיט גיין מיט איהם צום קעניג'ס צימער. דער רמ"א איז נאך מער פארוואונדערט, וואס עפעס האט מען אונז דא ביידע גערופען? עס קען נאר זיין אז עפעס א צרה קאכט זיך דא אפ. דער רמ"א האט געדאווענט א שטילע תפלה און ער איז אריין צום קעניג'ס צימער.

## דער רמ"א אינעם קעניג'ס צימער:

דער רמ"א קומט אריין צום קעניג אינעם קעניג'ליכע צימער צוזאמען מיט דער בישאף און דער קעניג נעמט זיך גלייך דאס ווארט:

**ראבינער! איך האב געהערט פון מיין טייערע סטעפאן אז איר ווילט נישט מסדר זיין דער חתונה פאר איהם ווייל עס איז קעגן וואס עס שטייט אין דיין תורה! איז דאס אמת?**

**יא!** ענטפערט דער הייליגע רמ"א – **איך קען עס געבן צו פארשטיין פאר'ן הויכגעשעצטער קעניג.**

**ניין ניין!** האקט איבער דער קעניג – **די דארפסט מיך נישט מסביר זיין, איך האב דא דער גרויסע גלח וואס איז זייער געלערנט אין דיין בייבעל און ער וועט מיך שוין אלעס אויפקלערן, ער קען זייער גוט וואס עס שטייט דארט.**

**אבער קעניג!** – רופט זיך אהן דער רמ"א [ער האט געוואלט געבן דעם קעניג צו פארשטיין אז די תורה וואס דער גלח קען איז בכלל נישט אזוי גלאט און אמת]

דער קעניג הייבט אויף זיין האנט און זאגט: **ראבינער! איך וויל יעצט גארנישט הערן, איך געב איבער דאס ווארט צו מיין הויך געשעצטער און געלערנטער בישאף.**

דער קעניג דרייט זיך צום גרויסע בישאף און מיט א שאקל מיט די קאפ נעמט ער זיך מסביר זיין חלקים פון דער תורה ווי אזוי ער וויל, ער האט זיך גענומען פרעגן שאלות צו דער הייליגע רמ"א, ער האט געשאסן איין שאלה נאך אן אנדערע, נאך איידער דער רמ"א קען ענטפערן אויף א שאלה פרעגט שוין דער גלח נאך א שאלה, אזוי האט ער געהאלטן און איין טוהן בכוונה כדי צו קענען צומישען דער הייליגע רמ"א, און ווען דער רמ"א האט שוין יא געקענט עפעס ענטפערן האט איהם דער גלח גלייך איבער געהאקט מיט זיין נארישע רייד. צום סוף רופט זיך אהן דער בישאף צו דער קעניג:

**מיין הויכגעשעצטער קעניג! ווי עס ווייזט זיך אויס, איך האב שוין פון לאנג געזאגט אז די אידען דערציילן גרויסע ליגענט, זיי זאגן אז זיי טוהן וואס עס שטייט אין זייער בייבעל און ביז דערוויל נעמען זיין נאך א בייבעל וואס איז נישט געשריבען געווארן [תורה שבעל פה] און מיט יענע בייבעל צומישען זיי אונזער בייבעל געפערליך! זיי דרייען ארום אלע זאכען ווי אזוי זיי האבן ליב צו טוהן.**

**עס איז אמת אז עס שטייט טאקע דארט וועגן א כהן אז ער טאר נישט חתונה האבן מיט א גרושה אבער איך בין זעכער אז דער ראבינער וואס שטייט דא קען עס ארום דרייען אז עס זאל צופרידען שטעלן זיין הויכגעשעצטער קעניג! עס איז נאר א אהנדרייעניש אז ער קען נישט אבער אין אמת וויל דער ראבינער עס נישט טוהן ווייל ער איז ברוגז אויף סטעפאן!**

**און דאס אז ער וויל נישט העלפן סטעפאן איז נאר נאך א באוויז אז ער האט דער קעניג אויך נישט ליב און סטעפאן איז דאך דער קעניג׳ס רעכטע האנט און דאס איז א בזיון פאר׳ן קרוין!**

**א שיינע דאנק מיין הויכגעשעצטער גלח  פאר אזוי שיין מסביר זיין וואס די אידען טוהן מיט זייער בייבעל** – און דער קעניג דרייט זיך אויס צום הייליגע רמ״א מיט כעס און נעמט זיך שרייען אויף איהם און זאגט: **די ראבינער די האסט געהערט וואס דער גלח האט געזאגט?! איך האב אויס געהערט! און איך גלייב איהם זייער שטארק! איך געב דיך נישט קיין ברירה, נישט איך גיי דיר לאזן מאכן די חתונה! נאר איך גיי דיך צווינגען עס צו טוהן! פארשטאנען?!**

דער הייליגע רמ״א טראכט צו זיך, אוי ווי וואס קען איך טוהן, ער פראבירט נאך איין מאהל צו מסביר זיין פאר די קעניג אז ער קען עס נישט טוהן און ער רופט זיך אהן: **אדוני המלך קען איך עפעס געבן צו פארשטיין פאר׳ן קעניג? דאס איז א זאך וואס מיין תורה לאזט מיך נישט טוהן.**

**וואס??!!** נעמט זיך דער קעניג שרייען מיט גרויס כעס, **די ביסט א מורד במלכות?! דאס וואס אלע אידען האבן א תורה איז שוין געווארן געמאכט אזוי אז מען גייט טוהן זאכן קעגען דער קעניג און וואס דער קעניג זאגט מיינט שוין גארנישט?! און אלע אונזערע געזעצן זענען ביי די אידען איין גרויסע חוזק?!**

דער הייליגע רמ״א פראבירט צו בארואיגען דער קעניג און ער זאגט: **ניין ניין! אדוני המלך! אונזער תורה זאגט אונז אז מען דארף זיין געטריי צו דער מלכות ווי אונז וואוינען און צו טוהן זיערע געזעצן אבער ווען עס גייט קעגען די געזעצן וואס דער באשעפער האט געהייסן דאן קענען מיר עס נישט טוהן! דיין נייע געזעץ איז יעצט גלייך קעגן וואס דער הייליגע תורה הייסט אונז צו טוהן!**

**א חוצפה!!!** נעמט זיך דער קעניג שרייען מיט גרויס כעס, **די גיי שוין ארויס פון דא!! איך וויל דיר מער נישט זעהן פאר מיר!!! די וועסט נאך הערן פון מיך!!!**

**דער רמ״א אין זיין שטוב:**

דער רמ״א איז ארויס זייער באזארגט, ער ווייסט אז דער תורה הקדושה האט געזאגט אז א כהן טאר נישט חתונה האבן מיט א גרושה און דא וויל דער קעניג איהם צווינגען צו גיין קעגן די תורה? דער רמ״א גייט אהיים און ער טראכט צו זיך איך היט דער הייליגע תורה, און איך וועל עס נישט עובר זיין, איך וועל זיך אריין טוהן אין דער הייליגע תורה און האפענטליך עפעס פון הימעל וועט געשעהן בסייעתא דשמיא, אזוי האט דער הייליגע רמ״א זיך צוריק אריין געטוהן אין דער תורה הקדושה.

אבער איין טאג אזוי ווי דער הייליגע רמ״א זיצט אין שטוב און לערנט א שווערע תוספות האט מען געקענט הערן אין דער אידישע געטא די קול פון א פערד און וואגען, דער פערד און וואגען איז געווען א קעניג׳ליכע פערד און וואגען און די קראקא׳ווער איינוואוינער האבן זיך שוין ווייטער געוואונדערט צו ווי פארט דער וואגען? ביז זיי האבן געזעהן ווי עס שטעלט זיך אפ ביים שטוב פונעם הייליגע רמ״א.

דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט וואס האט דער קעניג צו טוהן מיט זייער באליבטע רב. און זיי זעהן ווי דאס מאהל קומט ארויס פון דער וואגען אסאך סאלדאטן און זיי גיין צו, צו דער טיהר פון דער הייליגע רמ״א׳ס שטוב.

## **וואס האט פאסירט ווייטער? זעה די קומעדיגע וואך**

# הילולא דצדיקיא

## הגה"ק רבי יחיאל מיכל – המגיד מזלאטשוב זיע"א

## נסתלק כ"ה אלול תקמ"א לפ"ק

**וזרח השמש: הרב הקדוש רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע** איז דער זון פון **הרה"ק רבי איציקל דראהביטשער זי"ע** וואס איז געווען א זוהן פון **הרה"ק רבי יוסף ספארדיוויולער זיע"א** וואס איז געווען א זוהן פון **הרה"ק רבי משה מסוויריז הי"ד – זיע"א וואס איז גע'הרג'ט געווארן דורך דער גרויזאמער רשע דער פריץ פון זיין דארף און ער איז געפייניגט געווארן אזוי ווי די הייליגע תנא רבי עקיבא הי"ד – זיע"א** ביז זיין נשמה איז ארויס געגאנגען על קדושת שמו יתברך. עס איז געווען מקובל אין זייער משפחה אז 72 דורות זענען זיי געווען בעלי רוח הקודש און 16 דורות פאר דעם זענען זיי געווען קדושים וטהורים מיט אהן א נדנוד קל פון אן עבירה און 13 דורות האבן זיי נישט געהאט א הרהור עבירה און זיי האבן געהאט 10 דורות נוטרי ברית קודש אמיתיים. **דער הייליגע שרף פון סטרעליסק זי"ע** האט מעיד געווען אויף רבי מיכל'ע אז ער איז דער צענטער דור בעלי רוח הקודש.

דער צדיק איז געבוירן געווארן אין תפ"א לפ"ק אינעם שטאט בראדי ווי זיין טאטע איז געווען ון דער חבריא קדישא וואס האבן געלערנט אינעם באוויסטע קלויז – רבי חיים צאנזער'ס קלויז.

**דער בני יששכר אין זיין ספר אגרא דפירקא** (אות כ"ט עיין שם) ברענגט אז ווען רבי מיכל'ע איז געקומען צו זיין גרויסען רבי'ן **דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע** האט אים דער בעל שם טוב הק' זייער מכבד געווען און געזאגט אז דער טאטע פון רבי מיכל'ע - ר' איציקל דראביטשער זי"ע האט באקומען זייער א נידריגע נשמה, אבער ער האט זיך אויסגעארבעט צו די מדרגה פון רבי שמעון בן יוחאי [אביו של זה נתנו לו נשמה קטנה אשר אין כמעט בדור נשמה קטנה כמוה והוא הגביה אותה למעלת התנא הקדוש רשב"י. עיי"ש ששמע ד"ז ממגידי אמת]

**מגיד מישרים:** ער איז געווען א "מגיד מישרים" דאס איז געווען אין יענע צייטן איינגעפירט אז טייל צדיקים האט מען אויפגענומען אלץ "מגידים" צו זאגען מוסר פאר די שטאדט מענטשין [מיר געפונען פיל צדיקים אלס "מגידים" ווי **דער מעזריטשער מגיד, טשערנאבלער מגיד, קאזניצער מגיד** און נאך] רבי מיכל'ע האט טויזענטער אידן מחזיר בתשובה מיט זיינע מוסר רייד, דערצו האט דער "זלאטשובער מגיד" געהאט א גרויסע קדושה, וואס ער האט דערקענט אויפ'ן פנים פון מענטש וואס מען האט נעביך פוגם געווען.

**רבן של ישראל:** נאך די פטירה פון בעל שם טוב הקדוש זיע"א איז רבי מיכל'ע אליין געווארן א רועה ישראל כאטש ער איז צומאל געפארן צום רבי'ן ר' בער. עס זענען צו אים געפארן אסאך פון די צדיקי הדור צווישן זיי **דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, דער רבי פון לובלין, רבי מענדעלע לינסקער, דער אורח לחיים, רבי שלמה קארלינער, דער אפטער רב, דער מאור ושמש, דער ראפשיצער רב און נאך. די צדיקים רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע, רבי פייבוש'ל זבאריזער בעמח"ס יושר דבי אמת, דער באר מים חיים רבי ארון לייב פון פרעמישלאן** זענען געווען תלמידים מובהקים פון אים אשר כל תורתם ממנו קיבלו.

**הסתלקותו – בניו הקדושים:** דער צדיק איז נסתלק געווארן פון גרויס דביקות אויף שבת קודש בשעת רעוא דרעוין, די קינדער האבן די לעצטע שטיק צייט געמאכט א סדר אז איין קינד דארף אפהיטן אויף זייער טאטע ביי רעוא דרעוין, למעשה ווען עס איז געקומען די הסתלקות איז פונקט נישט געווען א קינד דארט און דער צדיק איז ארום געלאפן די צמער זייער שטארק צוקאכט נאכזאגענדיג דער זוהר הקדוש אז בהאי שעתא איסתלק משה, משה רבינו איז נסתלק געווארן ביי רעוא דרעוין, דער זוהן וואס האט געדארפט זיין דארט איז געקומען צו לויפן אבער עס איז שוין געווען צו שפעט און דער צדיק איז ארויף געפאלן אויף זיין זוהן און ער איז נסתלק געווארן עס איז געווען כ"ה אלול שנת תקמ"א לפ"ק ומנ"כ אין יאמפאלע וואו ער האט געוואוינט זיינע לעצטע יארן זיינע קינדער זענען געווען הצדיקים הקדושים **רבי יוסף ממלא מקום פון טאטן אין יאמפאלע, רבי איציקל ראדווילער, רבי וועלוועלע זבאריזער, רבי משה מזוועהיל, רבי מרדכי קרעמניצער, און דער איידעם רבי דוד הלוי מסטעפאן זי"ע.**

**געמאכט א יום כיפור אין מיטן יאהר: דער הייליגע שרף פון מאגלניצא זיע"א פלעגט דערציילן די דאזיגע מעשה יעדעס יאהר די ערשטע טאג פונעם הייליגע יום טוב סוכות: דער הייליגע רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע** וואס האט זייער געשעצט דעם רבי מיכל'ע האט דערציילט: אז איינמאהל ווען ער האט געהערט אז רבי מיכל'ע געפונט זיך אין א שטאט עטליכע מייל אוועק פון זיין שטאט ליזענסק האט ער זיך געוואלט טרעפין מיט רבי מיכ'לע, אבער ווען ער קומט אהן צום ערשטען הויז ביים עק שטאט זעהט ער אז קיינער איז נישט דארט איז ער געגאנגען ווייטער און צו יעדען הויז ווי ער איז געקומען האט ער קיינעם נישט געפונען. און איין הויז האט ער געזעהן אן אלטע פרוי קאכן האט דער רבי ר' אלימלך איר געפרעגט פאראוס זעט מען קיינעם נישט אין די הייזער און די גאסען זענען ליידיג האט די זקנה דערציילט: היינט איז דא אנגעקומען דער צדיק רבי מיכל'ע און ער האט דא געמאכט היינט יום כיפור ער האט יעדען געזאגט אלע עבירות וואס ער האט געטוהן מיום הולדו ביז יעצט. יעדער איינער איז נתעורר געווארן בתשובה און אלע מענטשען זענען געגאנגען אין שול בעטין ביי השי"ת סליחה וכפרה אויף אלע זייערע מעשים. האט דער רבי ר' אלימלך ווייטער דערציילט ווען איך האב דאס געהאט בין איך שוין נישט געגאנגען צו רבי מיכל'ע ווייל איך האב מורא געהאט ער וועט מיר אויך זאגען אלע מיינע מעשים.

**ער לערנט אויס א דרך אין עבודת השם ביים עסן:** איינמאהל האט **דער בעל שם טוב הקדוש זיע"א** געזאגט פאר איינעם פון זיינע תלמידים אז ווען ער וועט אדורך פארין זלאטשוב, וואס איז אויף זיין וועג, זאל ער זיך אפשטעלין ביי הרה"ק ר' מיכל'ע מזלאטשוב זי"ע [וואס ער איז נאך נישט געווען דעמאלט מפורסם] און ער דער תלמיד זאל אים בעטין אז ער וויל ביי איהם [ביי ר' מיכל'ע] איינשטיין און דארט עסען, דער בעל שם טוב הק' האט געזאגט פאר זיין תלמיד, אז דארט וועט ער זיך אויסלערנען א דרך אכילה [אויף וואס פאר אן אופן א ערליכע איד דארף עסן].

ווען דער תלמיד איז דארט אנגעקומען האט ער באמערקט דאס גרויסע ארימקייט וואס עס זעט זיך אן אויף שריט און טריט. דאס ארימקייט איז געווען אין לשער אבער אויב זיין רבי האט אים געהייסען דארט איינשטיין און דארט עסן האט ער געמוזט אזוי טוהן און ער האט געבעטין אז ער וויל דארט איינשטיין און עסן. ווען רבי מיכל'ע האט געהערט אז דער איד דארף צו עסן האט ער ארויסגענומען א ספר פון זיין ספרים שאנק און עס געגאנגען פארקויפן כדי ער זאל קענען מיט דעם געלט מקיים זיין מצות הכנסת אורחים. ביי רבי מיכל'ע אין שטוב האט מען אנגעגרייט א סעודה פאר דעם אורח, א ברייטע סעודה כיד המלך. נאך דעם עסן פרעגט דער תלמיד רבי מיכל'ע ווי אזוי איז דאס אז פאר אייך פארגינט איר אייך גארנישט איר לעבט אין א שרעקליכע עניות אבער פונדעסטוועגן גיבט איר צו עסען פאר אורחים ברחבה, און איר פארקויפט אפילו אייער'ס א ספר?

האט אים רבי מיכל'ע געענטפערט [מיט א משל] אז איינמאל האט דער מלך חתונה געמאכט זיינס א בת יחידה און ער האט מודיע געווען אז לכבוד די גרויסע שמחה לאדענט ער איין קינד און קייט [יעדעם איינעם] און ווער עס וויל איז זייער העפליך געלאדענט און עס וועט זיין פאר יעדען צו עסן מכל טוב וטוב. אבער דא האט פאסירט א געפערליכע אומגליק אז פאר די סעודה איז פלוצלונג די כלה אוועק געפאלין, און באלד איז באשטעטיגט געווארן די ביטערע נייעס אז די טאכטער פון קעניג לעבט נישט. עס איז זיך גרינג פארצושטעלין וואס פאר אן איבערקערעניש און טרויער עס האט באדעקט די גאנצע מדינה און פאר קיין שום בר דעת איז נישט איינגעפאלין צו גייין צו די סעודה, ווער קען דען עסען אין אזא ביטערע צייט. אבער עס זענען יא געווען פראסטע מענטשין וואס האבן נישט געהאט קיין שכל און זענען יא געקומען צו די סעודה און זיי האבען זיך אפילו נישט געשעמט און זיי האבן זיך ארומגע'טענה'ט אז מען מוז זיי געבן א גרויסע סעודה ווייל דער קעניג האט דאך זיי אזוי פארשפראכען און צוגעזאגט.

דאס זעלבע פירט אויס רבי מיכל'ע צום תלמיד פון בעל שם טוב מיר זענען היינט און גלות השי"ת איז בצער ווייל זיינע באליבטע קינדער זענען אין גלות דאס בית המקדש איז נאך נישט געבויט געווארן. ביי בעלי דעת וואס האבן א געפיל מיט השי"ת דער "מלך מלכי המלכים הקב"ה" פילן מיט דעם צער פון השי"ת און ווילן נישט הנאה האבען בעולם הזה. יעצט האט שוין דער תלמיד פון בעל שם טוב הקדוש פארשטאנען פארוואס זיין הייליגע רבי האט אים געשיקט צו רבי מיכל'ע צו לערנען ווי אזוי מען דארף עסן.

# זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!

בקשו רחמים עבור האי אברך יקר וחשוב השמח אלוקים ואנשים, וזקוק לרחמי שמים מרובים אלכסנדר זושא בן עליזה לרפו"ש במהרה, והן א'ל כביר לא ימאס תפלת רבים, והתפלות יתקבלו לרחמים ולרצון לפני אדון כל לרפואת הגוף והנפש בשלימות בתשח"י אכי"ר

השתדלו והרבו תחינה ובקשה עבור מנחם מענדל בן רחל מינדל. חיים יוסף בן פריידא מלכה. גיטל יוטא בת אסתר. לרפו"ש בתשח"י.
הזקוקים לרחמי שמים מרובים והן א'ל כביר לא ימאס תפלת רבים ויתקבלו לרחמים ולרצון לפני אדון כל אכי"ר.

אבינו מלכנו חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו! נא להרבות בתפלה לפני בורא כל עולמים לרפואתם של חולי ישראל בכלל
ובפרט למען ילדי תשב"ר שלא טעמו טעם חטא הצריכים רפואה וישועה: מנחם מענדל בן לאה ליבא לרפואת הגוף והנפש בתשח"י במהרה בימינו אכי"ר.

**לקיים בנו חכמי ישראל לבריאות הגוף והנפש בשלימות בתוך שאר חולי ישראל אמן:**
מרן חי יצחק בן אסתר רבקה שליט"א [מראחמיסטריווקא]. מרן משה בן ריזל שליט"א [מקאלוב]. מרן משה יהודה לייב בן חי' פרימא רבקה שליט"א [ממונקאטש]. מרן ישראל משה בן צפורה פייגא שליט"א [מסאדיגורא]. מרן משה בן פריידא רבקה שליט"א [הרב וואלפסאן]. מרן מתתיהו חיים בן עטיל שליט"א [משגיח דלעיקוואד]

הגליון יוצא לאור לזכר ולעילוי נשמת
הבחור מנחם מענדל ז"ל
בן יבלחט"א הר"ר מרדכי געלבטוך שיחי'
נפטר כ"ח אדר א' תשע"ט לפ"ק, תנצב"ה

| פרשת כי תבוא - נצבים | ש"ק–כ"א אלול | יום א' – כ"ב | יום ב' – כ"ג | יום ג'– כ"ד | יום ד' – כ"ה | יום ה' – כ"ו | עש"ק – כ"ז |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| הילולא דצדיקיא | הרבי רבי יונתן אייבשיץ זיע"א<br>רבי בעריש מאלעסק זיע"א | רבינו יעקב סג"ל המהרי"ל זיע"א<br>רבי מרדכי דוב מהארנסטייפיל זיע"א<br>רבי בער'צי מסאטמאר זיע"א | רבי ישראל מפיקוב זיע"א<br>רבי אורי מסטרעליסק זיע"א<br>רבי יצחק מנחם מאלכסנדר הי"ד - זיע"א<br>רבי משה בצלאל אלתר מגור הי"ד - זיע"א | רבי יוסף משה מזאלאשיץ זיע"א<br>רבי יוסף באב"ד מטארנפול זיע"א<br>רבי ישראל מאיר קאגאן מראדין זיע"א<br>רבי דוב בער מטשארטקוב זיע"א<br>רבי יחזקאל אברמסקי מסלוצק זיע"א | רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זיע"א<br>רבי דוד מקשאנוב זיע"א<br>רבי אלתר מסוסנובצא לעלוב זיע"א<br>רבי בנימין יהושע זילבער זיע"א | רבי שמואל אבא מזיכלין זיע"א<br>רבי אהרן מקוידנוב זיע"א<br>רבי עמרם בלום מאויפאלו זיע"א<br>רבי חנוך העניך מסאכטשוב זיע"א | רבי נתן אדלער מפראנקפורט זיע"א<br>רבי יעקב ארי' מקאוולע זיע"א<br>רבי שלום מבעלזא זיע"א |